בס"ד

# עונג שבת

## פרשת וילך תשס"ו

**גוט שבת אלע אידן.** זאגט דער הייליגער רמב"ם ז"ל "אף על פי שהתשובה והצעקה יפה לעולם, בעשרה הימים שבין ראש השנה ויום הכפורים היא יפה ביותר ומתקבלת היא מיד שנאמר 'דרשו ה' בהמצאו.'" אפילו תשובה און דאווענען זענען אייביג אנגענומען אין הימעל, אין די צען טעג צווישן ר"ה און יום הקדוש, זענען תשובה און תפילה נאך שטערקער און זיי זענען גלייך אנגענומען. (הלכות תשובה ב,ו) די עיקר עבודה פון די טעג איז תשובה. אזוי ווי עס שטייט אין די היינטיגע הפטרה "שובה ישראל עד ה'..." יעדער איינער מוז יעצט צוריקקערן צום מלך מלכי המלכים הקב"ה. לאמיר ליינען דעם פאלגענדעם מעשה וואס וועט אונז מעורר זיין צו אויסנוצען די געוואלדיגע טעג, צו טון תשובה.

פאר ער איז געווארן א גר צדיק, האט "נתן גאמדעזא" געהייסן "גוסינטהי גאמדעזא" (זיין עכטע נאמען). עס איז גאר אן אינטערעסאנטע מעשה ווי אזוי נתן איז געווארן א איד. קודם כל איז ער א "שחור" וואס איז געבוירען געווארן אין אפריקא. זיין טאטע איז דער קעניג פונעם לאנד "סוואזילאנד" וואס איז נעבען סויט אפריקא. זיין טאטע איז אן עכטער קעניג וואס האט א כח צו שטראפן מענטשן מיט טויט, ל"ע. נתן איז אויפגעוואקסן א פרינץ אין דעם קעניג'ס פאלאץ. זיין טאטע איז גאר רייך און נתן האט געהאט באדינער אפילו אלס קינד. אבער, אפילו ער האט געהאט אלעס, איז נתן נישט געווען אינגאנצן צופרידן אין לעבן.

ווען ער איז געווארן עלטער איז נתן געגאנגען שטודירען אין סויט אפריקא. איין טאג האט ער געזען אז איינער שרייבט פון רעכטס צו לינקס. עס איז געווען א פלא פאר אים, ווייל ער האט קיינמאל נישט געזען אז איינער שרייבט אזוי, ווייל ענגליש למשל שרייבט מען פון לינקס ביז עקסטרע. (דאס איז אפשר מרמז אויף די חילוק צווישן די אייניקלעך פון עשו הרשע און להבדיל יעקב אבינו ע"ה. די אידן זענען מקדים עקסטרע ד"ה חסד איבער לינקס, ד"ה גבורה, און די גוים טון פארקערט.) בקיצור, ער איז צוגעגאנגען צו יענעם און ער האט אים געפרעגט וואס ער שרייבט.

יענער איז געווען א איד, און ער האט געענפערט צו נתן אז ער שרייבט לשון קודש. נתן האט געוואוסט אז די תנ"ך איז געשריבן געווארן אין לשון קודש. אין זיין טאטען'ס קעניגרייך וואו ער איז אויפגעוואקסן, האט מען געדינט עבודה זרה. אבער נתן, אפילו ער איז דעמאלט נאך געווען א גוי, האט געהערט פון דעם תנ"ך און ער האט געגלייבט אז עס איז דא א באשעפער אויפן וועלט.

"לשון קודש," האט יענער געזאגט. נתן האט איבערגעחזרט די ווערטער אין זיין מח. "לשון קודש." ער האט אנגעהויבן צו טראכטן וועגן דעם באשעפער. נאכדעם, נאר אלס נייגעריגקייט, האט ער גענומען א קלאס וואו מען לערנט אויס לשון קודש. אביסל נאכדעם האט ער באקריגן א טעיפ אויף דעם ענין פון "עקידת יצחק." די טעיפ האט אים זייער שטארק געשלעפט צום אידישקייט. איין טאג דערנאך האט ער געטראפן א "משנה תורה" אין ענגליש פונעם רמב"ם ז"ל. ער האט געליינט דעם גאנצען ספר פון דקל צו דקל. ער האט אויך געוויזן דעם רמב"ם פאר זיין פרייע אידישע חברים, און מיט די צייט זענען זיי אויך אינטערעסירט געווארן אין אידישקייט!

איין טאג האט ער מחליט געווען אז ער וויל פארן קיין ארץ ישראל צו שטודירען דארט. באלד דערנאך האט ער אנגעהויבן צו שטודירען אראמיש און לשון קודש אין ירושלים. ער האט הנאה געהאט פון שטודירען אין ארץ ישראל און צו זיין צווישן אידן. אבער, איין טאג איז ער געקומען צו די הכרה אז ער וויל נישט סתם לערנען אידישע שפראכן, נאר, ער וויל לערנען תורה ממש.

איין טאג דערנאך האט ער באקומען א טעלעפאן קאל פון איינעם פון זיינע אידישע חברים. נתן איז איבערראשט געווארן צו הערן פון זיין חבר אז יענער איז געקומען קיין ארץ ישראל און ער לערנט אין אור שמח, א בעל תשובה ישיבה! דורך דעם וואס נתן, וואס איז דעמאלט געווען א גוי, האט געוויזן פאר זיינע חברים דעם הייליגן רמב"ם, האט ער זיי מקרב געווען צום אידישקייט! נתן איז געגאנגען צו דער ישיבה וואו ער האט געזען אז זיינע חברים זענען געווארן חרדים ממש!

ער איז געבליבן אין אור שמח א שטיק צייט און ער האט געהערט עטליכע שיעורים. דעמאלט האט ער זיך מיישב געווען אז ער וויל לערנען תורה אין א ישיבה. ער האט פארלאזט דעם אוניווערסיטעט אינגאנצן. דעמאלט האט ער שטארק געוואלט זיך מגייר זיין. אבער, ער האט נישט געוואוסט אויב מען וועט אים אננעמען. ווייל נתן איז געבוירן אין אפריקא און ער איז דאך א שחור. חוץ דעם, האט ער געהאט שוועריגקייטן מיט זיין טאטען דעם קעניג. פארשטייט זיך אז דער קעניג איז נישט אזוי צופרידן געווען מיט דעם וואס נתן איז געפארן קיין ארץ ישראל און ער האט געלערנט תורה וכו'. נתן האט מורא געהאט צוריקצופארן קיין אפריקא ווייל ער האט נישט געוואוסט וואס זיין טאטע וועט טון צו אים. ער האט געדענקט ווי זיין טאטע האט געהרגט מענטשן מיט מיתות משונות, ל"ע. וועגן דעם האט נתן בכלל נישט געהאט קיין קאנטאקט מיט זיין טאטן. עס איז געווען א שווערע תקופה פאר נתן, ווייל פון איין זייט האט ער געוואלט ווערן א איד, און פונעם אנדערן זייט האט ער נישט אזוי שנעל זיך געקענט אפטיילן אינגאנצן פון זיין ווארצלן.

בקיצור, איז נתן איין טאג דערנאך אוועקגעפארן פון ארץ ישראל קיין איטאליע, כדי אפצורוהן אביסל, ווייל ער האט נישט געקענט פארנעמען דעם "פרעשער" פון דער החלטה צי ער זאל זיך מגייר זיין צי נישט.

איין טאג, ווען ער איז געווען אין שטאט רוים אין א האטעל האט ער זיך אראפגעזעצט עסן פרישטאג. ער האט גענומען דעם גאפל אין האנט און ער האט עס דערנענטערט צו זיין מויל. אבער, פאר ער האט דאס עסן געקענט אריינלייגן אין מויל, האט ער זיך אפגעשטעלט, און ער האט עס נישט געקענט עסן. ווי מער ער האט פרובירט האט ער פשוט נישט געקענט. ער איז צוריקגעגאנגען צו זיין צימער אין האטעל. ער האט געקוקט אויפן לוח און ער איז איבערראשט געווארן צו זען אז יענע טאג איז געווען יום כיפור. "איך בין דאך א גוי..." האט ער געטראכט צו זיך, "פארוואס זאל עס מיך אנגיין אז היינט איז יום כיפור?"

באלד דערנאך, האט ער זיך מיישב געווען סוף כל סוף אז ער וויל יא ווערן א איד. ער איז צוריקגעפארן קיין ארץ ישראל, וואו ער האט אנגעהויבן די שווערע פרוצעדארע פון זיך מגייר זיין כדת וכדין. נאך עטליכע יארן האט ער זיך טאקע מגייר געווען מיט א פארלעסליכע בית דין.

היינט ב"ה לערנט נתן אין כולל אין טבריה. ער האט חתונה געהאט מיט איינער פון אן אשכנזישע משפחה פון אמעריקא. ער טוט רעדן אסאך מאל פארן חשובן מוסד ערכים, וואס איז מקרב אסאך אידן. זיין טאטע דער קעניג וויל נישט האבן קיין שייכות מיט אים ווייל ער איז געווארן א איד, און דערפאר שטיצט אים נישט מיט קיין געלט. אבער נתן איז היינט אסאך מער פריילין צו זיין אן עכטער פרינץ, א זון פונעם מלך מלכי המלכים הקב"ה. **גוט שבת אלע אידן.**

<u>מזל טוב לכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א לרגל שמחת לידת נינו לבן בנו הרה"צ רבי יעקב יוסף שליט"א בן הרה"צ רבי אהרן מענדל שליט"א וחתן הרה"צ רבי יצחק שליט"א</u>

מזל טוב להבחור מרדכי שלמה אפטער נ"י לרגל שמחת הבר מצוה שלו

נתרם לרפו"ש של שלמה יעקב בן עלקא פערל בתשח"י

נתרם לרפו"ש של מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, שאשא מלכה בת גאלדא, יהודה בן אסתר, משה דוד בן מרים בתשח"י

לע"נ אברהם בן ליפא ע"ה • לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)

**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין דף זה לאחר התפילה**